סחוט ולמעלה פעמים שהיה מתחלה לסובב כיון שעושה למעלה מן הסובב שהוא למטה מן הסובב אמה: ה עלה בכבש. לפי שעולת העוף נעשית למעלה. דלא כתיב בעולת העוף יסוד אלא בחטאת העוף בלבד. ובבהמה איפכא. דחטאת בהמה נעשית למעלה דכתיב בה קרנות המזבח ועולת בהמה למטה דכתיב (שם ד) אל יסוד מזבח העולה. אלא היסוד בעולה: בא לו לקרן דרומית מזרחית. לפי שהיא קרובה לבית הדשן שהיה משליך המוראה והנוצה: ממול ערפה. מול הרואה את ערפה. וזהו אחורי הצואר ואע"פ שלא נאמר בעולה מול עורף.

למדנו בה מול עורף מחטאת: ומבדיל. חותך ב' סימנים דמדכתיב בחטאת העוף ולא יבדיל למדנו שבעולת העוף יבדיל והקיף בית מליקתו למזבח. מקרב ודוחק בית המליקה בקיר המזבח. כדי שיתמצה הדם: וספגו במלח. לשון שליבה ולקיחה כמו סופג את הצבעים. אף כאן נותן עליו מלח כדי שיהא הלחה מושך ומקבל המלח. פירוש אחר ספגו בג'מ"ל כמו סופקו בקו"ף לשון ויספוק את כפיו (במדבר כד): מורא'. זפק: נוצה. קודר בו כמין ארובה ונוטל כל העור והנוצה שכנגד הזפק עם הזפק ומשליך: שיסע. את העוף בין אגפים ולא היה

---

פון מזבח אונ דיא בלוט איז אראפ גיגאנגען אויף דעם פודאבענט פון מזבח (אין למזבח אלא דמה) דער מזבח האט ניט פון דיא טויב נאר דיא בלוט (וכולה לכהנים) אונ דיא גאנצע טויב עסן דיא כהנים: ה (עולת העוף כיצד היתה נעשית) וויא אזוי האט מען גימאכט א טויב פאר א עולה (עלה בכבש) דער כהן איז ארויף גיגאנגען אויף דיא ברעט וואס מען גייט ארויף צום מזבח (ופנה לסובב) אונ פון דיא ברעט איז ער גיגאנגען אויף דעם סובב ועיין פרק ה מ"ג (בא לו לקרן דרומית מזרחית) אונ דער כהן איז גיקומען צום ווינקל דרום אונ מזרח (היה מולק את ראשה ממול ערפה) דער כהן האט אריין גישטעקט זיין נאגיל אונטער דיא האלדז גיגען דעם האקן פון דיא טויב אזוי וויא בייא דעם חטאת (ומבדיל) אונ ער האט אפ גישיידט דיא קאפ פון גוף. ווארום ער האט מיט דעם נאגיל צוא שניטן ביידע סימנין (וממצה את דמה על קיר המזבח) אונ ער קוועטשט אויס דיא בלוט פון דיא טויב אויף דיא וואנט פון מזבח (נטל את הראש והקיף בית מליקתו למזבח) ער האט גינומען דיא קאפ פון דיא טויב אונ דעם ארט וואס מען האט אפ גריסען פון גוף האט ער צוא גיקוועטשט צום וואנט פון מזבח. עס זאל ארוים גיין דיא גאנצע בלוט (וספגו במלח) אונ ער האט בזאלצין דעם קאפ מיט זאלץ (וזרקו על גבי האשים) אונ ער האט גיווארפין דעם קאפ אויף דעם פייער וואס אויף דעם מזבח (בא לו לגוף) אונ דער כהן איז גיקומען צוא דיא טויב (והסיר את המוראה) אונ ער האט אראפ גינומען דיא וואלע. דיא ביישיל וואס בייא דעם האלדז וואס אינוויינינג ליגט דאס עסין (ואת הנוצה) אונ דיא פעדערין. ער שנייט אויס דיא הויט מיט דיא פעדערין מיט דיא וואלע (ואת בני מעים היוצאים עמה) אונ ער נעמט מיט. דיא גידערים דיא קישקעס וואס ציהען זיך מיט דיא וואלע (והשליכן לבית הדשן) אונ ער ווארפט זייא אויף דעם ארט וואו עס ליגט

מבדיל: ז הבדיל בחטאת. שמלק שני סימני׳ בחטאת: או לא הבדיל בעולה. שמלק בה סי אחד: פסול. דכל שכוי שסוף לפני עבודת סדם פסול: ולא מיצה דם הגוף פסול. דעיקר דמים בגוף סוף דשכימי: ז חטאת העוף שמלקה שלא לשמה. מליקס בעוף במקום שחיטה בבהמה. ומילוי בעוף במקום זריקת הדם בבהמה וסמהבכם ספיסלת בשחיטה וזריקת דם בבהמה. פוסלת במליקה ובמילוי הדם בעוף אבל קבלה והלוך אין בעוף: עולת העוף כשרה. כדתנן בריש

הרשן. שסע ולא הבדיל. ואם הבדיל כשר. וספגו במלח וזרקו על גבי האשים: ו לא הסיר לא את המוראה ולא את הנוצה ולא את בני מעים היוצאין עמה ולא ספגו במלח. כל ששינה בה מאחר שמיצה את דמה כשרה. הבדיל בחטאת ולא הבדיל בעולה פסולה. מיצה דם הראש ולא מיצה דם הגוף פסולה. מיצה דם הגוף ולא מיצה דם הראש כשרה: ז חטאת העוף שמלקה שלא לשמה. מיצה דמה

שלא לשמה. או לשמה ושלא לשמה. או שלא לשמה ולשמה. פסולה. עולת

---

דיא אש פון מזבח (שיסע ולא הבדיל) אונ ער האט צוא שפאלטין דיא טויב צווישען דיא פליגעל. אונ ער האט ניט אפ גערישען איין העלפט פון דיא אנדערע (ואם הבדיל כשר) אונ אויב ער האט אפ גערישען איין העלפט פון דיא אנדערע. איז אויך כשר (וספגו במלח) אונ ער האט דיא טויב באזאלצין מיט זאלץ (וזרקו על גבי האשים) אונ ער האט איר גיווארפן אויף דעם פייער וואס אויף דעם מזבח: ו (לא הסיר לא את המוראה) אויב ער האט ניט אראפ גינומען. ניט דיא קראפ (ולא את הנוצה) אונ ניט דיא פעדערין (ולא את בני מעים היוצאים עמה) אונ ניט דיא קישקעס וואס ציהען זיך מיט דיא וואלגע (ולא ספגו במלח) אונ ער האט ניט באזאלצין מיט זאלץ (כל ששינה בה מאחר שמיצה את דמה) אלין וואס ער האט גיענדערט דער נאך וויא ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט (כשרה) איז דער קרבן כשר (הבדיל בחטאת) אויב ער האט ביא אחטאת מיט דעם נאגיל איבער געשניטען ביידע סימנים. אונ ער האט אפ גישייט דיא קאפ פון גוף (ולא הבדיל בעולה) אדער ביי אעולה האט ער נאר איבער געשניטען איין סימן. אונ ער האט ניט אפ גישייט דעם קאפ פון גוף (פסולה) איז דער חטאת פסול. אונ דיא עולה איז פסול (מיצה דם הראש ולא מיצה דם הגוף פסולה) אויב ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון קאפ. אונ ער האט ניט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון גוף. איז דער קרבן פסול (מיצה דם הגוף ולא מיצה דם הראש כשרה) אונ אויב ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון גוף. אונ ער האט ניט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון קאפ. איז דער קרבן כשר: ז (חטאת העוף שמלקה שלא לשמה) אויב ער האט מולק גיוועזן אחטאת (אטויב) ניט צום נאמען חטאת. נאר צום נאמען עולה (מיצה דמה שלא לשמה) אדער ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון דעם חטאת. נאר ניט צום נאמען חטאת. נאר צום נאמען עולה (או לשמה ושלא לשמה) אדער ווען ער האט אן גיהויבען מולק צוא זיין. אדער ווען ער האט אן גיהויבען אויס קוועטשין די בלוט. האט ער גיטראכט צום נאמען חטאת. אונ ביא דעם סוף מולק זיין אדער ביא דעם סוף אויס קוועטשין. האט ער גיטראכט צום נאמען עולה (או שלא לשמה ולשמה) אדער ביא דעם אנהייב האט ער גיטראכט צום נאמען עולה. אונ ביא דעם סוף האט ער גיטראכט צום נאמען חטאת (פסולה) איז דער חטאת פסול (עולת העוף כשרה) אויב ער האט מולק גיוועזן אעולה (אטויב) ניט צום נאמען עולה נאר צום נאמען חטאת. אדער ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון אעולה ניט צום נאמען עולה נאר צום נאמען חטאת. איז דיא

העוף כשירה ובלבד שלא עלתה לבעלים. אחד חטאת העוף ואחד עולת העוף שמלקן ושמיצה דמן. לאכ׳ל דבר שדרכו לאכול. להקטיר דבר שדרכו להקטיר. חוץ למקומו פסול ואין בו כרת. חוץ לזמנו פגול וחייבין עליו כרת. ובלבד שיקרב המתיר כמצ׳תו. כיצד קרב המתיר כמצותו. מלק בשתיקה. ומיצה הדם חוץ לזמנו. או שמלק חוץ לזמנו ומיצה הדם בשתיקה או שמלק ומיצה הדם חוץ לזמנו. זה הוא שקרב המתיר כמצותו. כיצד לא קרב המתיר כמצ׳תו. מלק חוץ למקומו ומיצה הדם

פרק קמא גבי בהמה. כל הזבחים שנזבחו שלא לשמן כשרים. אלא שלא עלו לבעלים לשם חובה חוץ מן הפסח ומן החטאת : לאכול דבר שדרכו לאכול. חטאת העוף : להקטיר דבר שדרכו להקטיר. עולת העוף :

עולה כשר (ובלבד שלא עלתה לבעלים) נאר דעם בעל הבית ווערט דאס ניט גירעכנט. דער בעל הבית דארף ברייגגען איין אנדער טויב צוא מאכען איין אנדער עולה (אחד חטאת העוף ואחד עולת העוף שמלקן) ביי ער האט מולק גיוועז אטויב אחטאת אונ ביי ער האט מולק גיוועז אטויב אעולה (ושמיצה דמן) אדער ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט פון חטאת אדער דיא בלוט פון דיא עולה. אונ ווען ער האט מולק גיוועז אדער דיא בלוט אויס גיקוועטשט האט ער גיטראכט (לאכול דבר שדרכו לאכול) ער זאל עסין דיא טויב וואס מען קען איר עסין, אחטאת (להקטיר דבר שדרכו להקטיר) אונ ער זאל מקטיר זיין די טויב וואס מען דארף איר מקטיר זיין, אעולה. נאר ער זאל עסין אונ מקטיר זיין (חוץ למקומו) ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף עסין אונ ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף מקטיר זיין (פסול) איז דער קרבן פסול (ואין בו כרת) נאר כרת קומט ניט (חוץ לזמנו) אבער אז ער האט גיטראכט מקטיר צוא זיין דיא עולה. אדער צוא עסין דעם חטאת שפעטער וויא דיא צייט איז (פיגול וחייבין עליו כרת) איז דער קרבן פיגול אונ עס קומט כרת (ובלבד שיקריב המתיר כמצותו) נאר די זאך וואס איז מתיר דעם קרבן זאל מען מקריב זיין וויא דער דין איז (כיצד קרב המתיר כמצותו) וויא מיינט מען דיא זאך וואס איז מתיר דעם קרבן זאל מען מקריב זיין וויא דער דין איז (מלק בשתיקה) ווען ער האט מולק גיוועז דיא טויב האט ער געשוויגען. ער האט נאר ניט גיטראכט (ומיצה הדם חוץ לזמנו) אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין דיא עולה שפעטער וויא דיא צייט איז (או שמלק חוץ לזמנו) אדער ווען ער האט מולק גיוועז דיא טויב האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין דיא עולה שפעטער וויא דיא צייט איז (ומיצה הדם בשתיקה) אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט האט ער געשוויגען. ער האט נאר ניט גיטראכט (או שמלק ומיצה הדם חוץ לזמנו) אדער ווען ער האט מולק גיוועז אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט דיא בלוט האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין דיא עולה שפעטער וויא דיא צייט איז (וזהו שקרב המתיר כמצותו) דאס הייסט מען האט מקריב גיוועז דיא זאך וואס איז מתיר דעם קרבן. אזוי וויא דער דין איז. עס איז גיטא קיין אנדער פסול נאר פון פיגול (כיצד לא קרב המתיר כמצותו) וויא אזוי מיינט מען דיא זאך וואס איז מתיר דעם קרבן האט מען ניט מקריב גיוועז וויא דער דין איז (מלק חוץ למקומו) ווען ער האט מולק גיוועז האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין דיא עולה ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף עסין אונ ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף מקריב זיין (ומיצה הדם חוץ

שלא לשמה. אין מוליך עולה מידי פגול. לפי שהיא כשרה שלא לשמה. ותולה מתני' מפורשת לעיל פ"ב:

הדם חוץ לזמנו. או שמלק חוץ לזמנו ומיצה הדם חוץ למקומו. (או שמלק ומיצה הדם חוץ למקומו) חטאת העוף שמלקה שלא לשמה ומיצה דמה חוץ לזמנה. או שמלקה חוץ לזמנה ומיצה דמה שלא לשמה. או שמלקה ומיצה דמה שלא לשמה. זה הוא שלא קרב המתיר כמצותו. לאכול כזית בחוץ וכזית למחר. כזית למחר וכזית בחוץ. כחצי זית בחוץ וכחצי זית למחר. כחצי זית למחר וכחצי זית בחוץ. פסול ואין בו כרת. א"ר יהודה זה הכלל אם מחשבת

---

לזמנו) אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט די בלוט האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין די עולה שפעטער וויא די צייט איז (או שמלק חוץ לזמנו) אדער ווען ער האט מולק גיוועזן האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין די עולה שפעטער וויא די צייט איז (ומיצה הדם חוץ למקומו) אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט די בלוט האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת אדער מקריב זיין די עולה ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף עסין אונ ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף מקריב זיין ודיא ווערטער "או שמלק ומיצה הדם חוץ למקומו" דארף ניט שטיין (חטאת העוף שמלקה שלא לשמה) אדער ווען ער האט מולק גיוועזן די טויב וועלכע איז א חטאת. האט ער איר מולק גיוועזן ניט צום נאמען חטאת נאר צום נאמען עולה (ומיצה דמה חוץ לזמנה) אונ ווען ער האט אויס גיקוועטשט די בלוט פון דעם חטאת האט ער גיטראכט ער זאל עסין דעם חטאת ודיא טויב) שפעטער וויא די צייט איז (או שמלקה חוץ לזמנה) אדער ווען ער האט מולק גיוועזן די טויב וואס איז א חטאת האט ער גיטראכט ער זאל איר עסין שפעטער וויא די צייט איז (ומיצה דמה שלא לשמה) אונ ער האט אויס גיקוועטשט די בלוט ניט צום נאמען חטאת נאר צום נאמען עולה (או שמלקה ומיצה דמה שלא לשמה) אדער ער האט מולק גיוועזן אונ אויס גיקוועטשט די בלוט ניט צום נאמען חטאת נאר צום נאמען עולה (זה הוא שלא קרב המתיר כמצותו) דאס הייסט מען האט ניט מקריב גיוועזן די זאך וואס איז מתיר דעם קרבן וויא דער דין איז. ווארום אויסער דער פסול פון פיגול איז דאך אויך דער קרבן פסול (לאכול כזית בחוץ וכזית למחר) אויב ער האט גיטראכט ער זאל עסין אשטיקול פלייש פון די טויב גרוס וויא א איילבירט אויסער די עזרה. אונ נאך אשטיקול פלייש גרוס וויא א איילבירט זאל ער עסין מארגין (כזית למחר וכזית בחוץ) אדער ער האט גיטראכט ער זאל עסין אשטיקול פלייש פון די טויב גרוס וויא א איילבירט מארגין. אונ נאך אשטיקול פלייש גרוס וויא א איילבירט זאל ער עסין אויסער די עזרה (כחצי זית בחוץ וכחצי זית למחר) אדער ער האט גיטראכט ער זאל עסין אשטיקול פלייש פון די טויב גרוס וויא א האלבער איילבירט אויסער די עזרה. אונ נאך אשטיקול פלייש גרוס וויא א האלבער איילבירט זאל ער עסין מארגין (כחצי זית למחר וכחצי זית בחוץ) אדער ער האט גיטראכט ער זאל עסין אשטיקול פלייש פון די טויב גרוס וויא א האלבער איילבירט מארגין. אונ נאך אשטיקול פלייש גרוס וויא א האלבער איילבירט זאל ער עסין אויסער די עזרה (פסול ואין בו כרת) דער קרבן איז פסול נאר עס קומט ניט כרת (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (זה הכלל) דאס איז דער כלל (אם מחשבת הזמן קדמה למחשבת המקום) אויב ער האט פריער גיטראכט ער זאל עסין אדער

מחשבת הזמן קדמה למחשבת המקום פגול וחייבין עליו כרת. ואם מחשבת המקום קדמה למחשבת הזמן פסול ואין בו כרת. וחכמים אומרים זה וזה פסול ואין בו כרת. לאכול כחצי זית ולהקטיר כחצי זית כשר. שאין אכילה והקטרה מצטרפין:

פ״ז **חטאת** העוף שעשאה למטה. כמעשה חטאת לשם חטאת כשרה. כמעשה חטאת לשם עולה. כמעשה עולה לשם חטאת. כמעשה עולה לשם עולה פסולה. עשאה למעלה כמעשה כולם. פס״ה:

פרק ז **חטאת** העוף שעשאה למטה. מחוץ ססקלה הולכתה פסולה נעשית למטה כדאמרן בפרק דלעיל: כמעשה חטאת. בהולכה ומיצוי: לשם חטאת. לאע״פ שסיכה בסדר מליקה. כגון שמלק והבדיל. ובהעלאת נאמר ולא יבדיל. כשרה. שהיא נעשית למטה וכבאר עבודות כהלכתה: כמעשה חטאת לשם עולה כו׳ פסולה. דחטאת פלא לשמה פסולה: כמעשה עולה. כמעשה עולה לשם חטאת. עשאה למעלה כמעשה כולם. פס״ה:

ער זאל מקריב זיין שפעטער ווי די צייט איז. דר נאך האט ער געטראכט ער זאל עסן אדער ער זאל מקריב זיין ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף עסן. אדער מקריב זיין (פגול וחייבין עליו כרת) איז דער קרבן פגול אונ אז מען עסט אים קומט כרת (ואם מחשבת המקום קדמה למחשבת הזמן) אונ אויב ער האט פריער געטראכט ער זאל עסן אדער ער זאל מקריב זיין ניט אויף דעם ארט וואס מען דארף עסן אדער מקריב זיין. דער נאך האט ער גיטראכט ער זאל עסן אדער ער זאל מקריב זיין שפעטער וויא דיא צייט איז (פסול ואין בו כרת) איז דער קרבן פסול אונ אז מען עסט אים קומט ניט קיין כרת (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (זה וזה פסול ואין בו כרת) סיי ער האט גיטראכט פריער אויף דעם ארט אונ דער נאך אויף דיא צייט. אונ סייא ער האט גיטראכט פריער אויף די צייט אונ דער נאך אויף דעם ארט. איז אלץ דער קרבן פסול. אונ אז מען עסט אים קומט ניט קיין כרת (לאכול כחצי זית ולהקטיר כחצי זית כשר) אויב ער האט גיטראכט ער זאל עסן פלייש פון דעם קרבן גרויס וויא אהאלבער איילבירט. אונ ער זאל מקטיר זיין גרויס וויא אהאלבער איילבירט. נאך דיא צייט אדער ניט אויף דעם ארט. איז דער קרבן כשר (שאין אכילה והקטרה מצטרפין) ווארום עסן וויא אהאלבער איילבירט מיט מקטיר זיין וויא אהאלבער איילבירט. רעכענט מען ניט צו זאמען פאר אאיילבירט דער קרבן זאל פסול ווערין ועיין בפ״ב משנה ד רהו:

פ״ז א (חטאת העוף שעשאה למטה) אויב ער האט גימאכט דיא טויב וואס איז אחטאת בייא דיא: אונטערשטע העלבע וואנט פון מזבח (כמעשה חטאת) אזוי וויא מען דארף מאכין אחטאת. ער האט דיא בלוט געשפריצט אונ אויסגיקוועטשט (לשם חטאת) צוא דעם נאמען חטאת. אפילו ער האט מיט דעם נאגיל איבער געשניטען ביידע סימנים. אונ ער האט אפ גישיידט דעם קאפ פון גוף. פון דעסטוועגין (כשרה) איז דער חטאת כשר (כמעשה חטאת לשם עולה) אויב ער האט גימאכט דעם חטאת אזוי וויא דער דין איז. נאר ניט צוא דעם נאמען חטאת. נאר צו דעם נאמען עולה (כמעשה עולה לשם חטאת) אדער ער האט גימאכט דעם חטאת אזוי וויא מען מאכט אעולה. נאר צוא דעם נאמען חטאת (כמעשה עולה לשם עולה) אדער ער האט גימאכט דעם חטאת אזוי וויא מען מאכט אעולה. אונ צוא דעם נאמען עולה (פסולה) איז דער קרבן פסול (עשאה למעלה כמעשה כולם פסולה) אבער אז ער האט גימאכט דעם חטאת בייא דיא אויבערשטע העלבע וואנט פון מזבח. אפילו ער האט גימאכט דיא איבעריגע אלע דינים אזוי וויא אחטאת. אונ צוא דעם נאמען חטאת. פון דעסטוועגין איז דער קרבן [illegible] תימט׃

ב עולת העוף שעשאה למעלה. כמעשה עולה לשם עולה כשרה. כמעשה עולה לשם חטאת כשרה. ובלבד שלא עלתה לבעלים. כמעשה חטאת לשם עולה. כמעשה חטאת לשם חטאת פסולה. עשאה למטה. כמעשה כולם. פסולה: ג וכולן אינן מטמאות בבית הבליעה. ומועלין בהן. חוץ מחטאת העוף שעשאה

כולם. כלומר כמעשה אחד מכולם האמורים כאן. ואפילו כמעשה חטאת לשם חטאת הואיל ועשאה למעלה פסולה: ב עולת העוף שעשאה למעלה. כהלכתה שהיא נעשית למעלה: כמעשה עולה לשם עולה. אע"פ שהיא במליקתה שלא הבדיל. ומן הדין היה לו להבדיל. אפ"ה כשרה: כמעשה עולה לשם חטאת כשרה. דכל הזבחים שנזבחו שלא לשמן כשרים. אלא שלא עלו לבעלים לשם חובה. חוץ מן הפסח ומן החטאת: עשאה למטה כמעשה כולם. כמעשה אחד מכולן. ואפילו כמעשה עולה לשם עולה: פסולה. הואיל ועשאה למטה פסולה: ג וכולן אינן מטמאות בבית הבליעה. אף ע"פ שנפסלו. מליקתן מטהרתן מידי נבילה ואין מטמאין בבית הבליעה כדין נבלת עוף טהור. שהאוכלה אע"פ שלא נגע בה כגון שתחבה לו חברו בבית הבליעה נטמא טומאה חמורה לטמא בגדים שעליו. אבל אלו אף ע"פ שאין מליקתן מתירתן באכילה מפני הפסול שאירע בהן. מכל מקום מטהרתן ומוציאתן מידי נבילה: ומועלין בהן. הנהנה מהן בש"פ מביא קרבן מעילה כדין כל הנהנה מן ההקדש ואפילו חטאת הואיל ונעשית ולא היה בה שעת היתר לכהנים לא יצאה מידי מעילה: חוץ מחטאת העוף שעשאה למטה כמעשה חטאת לשם חטאת. דכשרה היא ויש בה שעת היתר לכהנים ושוב אין

---

ב (עולת העוף שעשאה למעלה) אויב ער האט גימאכט דיא טויב וואס איז אעולה בייא דיא אויבערשטע העלפטע וואנט פון מזבח (כמעשה עולה) אזוי וויא מען דארף מאכין אעולה (לשם עולה) צוא דעם נאמען עולה. אפילו ער האט מיט דעם נאגיל איבער געשניטען נאר איין סימן. אונ ער האט ניט אפ גישיידט דעם קאפ פון גוף. פון דעסטוועגין (כשרה) איז דיא עולה כשר (כמעשה עולה לשם חטאת) אויב ער האט גימאכט דיא עולה אזוי וויא מען דארף מאכין אעולה. נאר ניט צוא דעם נאמען עולה. נאר צוא דעם נאמען חטאת (כשרה) איז אויך דיא עולה כשר (ובלבד שלא עלתה לבעלים) נאר דעם בעל הבית ווערט דאס ניט גירעכינט. דער בעל הבית דארף ברייננגען איין אנדער טויב צוא מאכין איין אנדער עולה (כמעשה חטאת לשם עולה) אויב ער האט גימאכט דיא עולה אזוי וויא מען מאכט אחטאת. נאר צוא דעם נאמען עולה (כמעשה חטאת לשם חטאת) אדער ער האט גימאכט דיא עולה אזוי וויא מען מאכט אחטאת. אונ צוא דעם נאמען חטאת (פסולה) איז דער קרבן פסול (עשאה למטה כמעשה כולם) אונ אויב ער האט גימאכט דיא עולה בייא דיא אונטערשטע העלפטע וואנט פון מזבח. אפילו ער האט גימאכט דיא איבעריגע אלע דינים אזוי וויא אעולה. אונ צוא דעם נאמען עולה (פסולה) פון דעסטוועגין איז דער קרבן פסול: ג (וכולן אינן מטמאות בבית הבליעה) דיא אלע טויבין חטאות אונ עולות וואס מען האט זייא מולק גיוועזן. אונ זייא זענען פסול גיווארין. אויב איינער האט זייא גיגעסין אונ אראפ גישלונגען. ווערט ער ניט טמא (ומועלין בהן) אונ אז איינער האט הנאה פון זייא. אפילו דיא הנאה איז ניט מער ווערט וויא אפרוטה. פון דעסטוועגין דארף מען ברייננגען אקרבן מעילה (חוץ מחטאת העוף שעשאה למטה) נאר אז ער האט גימאכט אטויב וואס איז אחטאת בייא דיא אונטערשטע העלפטע וואנט

למטה. כמעשה חטאת לשם חטאת:
ד עולת העוף שעשאה למטה כמעשה חטאת לשם חטאת. רבי אליעזר אומר מועלין בה. רבי יהושע אומר אין מועלין בה. א"ר אליעזר מה אם חטאת שאין מועלין בה לשמה כששינה את שמה מועלין בה. עולה שמועלין בה לשמה. כששינה את שמה אינו דין שימעלו בה. א"ל רבי יהושע לא. אם אמרת בחטאת ששינה את שמה לשם עולה. שכן שינה את שמה לדבר שיש בו מעילה. תאמר בעולה ששינה את שמה לשם חטאת. שכן שינה את שמה לדבר שאין בו מעילה

בו מעילה אפילו לזר: ד ר"א אומר מועלי' בה. דהא עולה היא. ומי הוליאה ממעילה? והלא עדת היתר לכהנים לא היו לה: רבי יהושע אומר אין מועלין בה. דכיון דשינה שמה ומעשיה ומקומה לשם חטאת נעשית חטאת: ומה חטאת העוף שאין מועלין בה. כשנעשית לשמה שהרי נאכלת לכהנים: שינה את שמה. נפסלה ולא באה לכלל היתר: מועלים בה. דהא רבי יהושע

פון מִזְבֵּחַ (כְּמַעֲשֵׂה חַטָּאת) אַזוֹי וויא מֶען דַארְף מַאכִין אַחַטָּאת (לְשֵׁם חַטָּאת) צוּא דֶעם נָאמֶען חַטָּאת. אִיז דָאךְ דֶער חַטָּאת כָּשֵׁר. אוּנ אַכֹהֵן מֶעג אִים עֶסִין. אוֹיבּ אַיִשְׂרָאֵל אָדֶער אַלֵוִי הָאבִּין פוּן דִיא טוֹיבּ הֲנָאָה גִיהַאט. דַארְפִין זַייא נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין קָרְבַּן מְעִילָה:
ד (עוֹלַת הָעוֹף שֶׁעֲשָׂאָהּ לְמַטָּה) אוֹיבּ עֶר הָאט גִימַאכְט אַטוֹיבּ וָואס אִיז אַעוֹלָה בַּייא דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע הַאלְבֶּע וַואנְט פוּן מִזְבֵּחַ (כְּמַעֲשֵׂה חַטָּאת) אַזוֹי וויא מֶען דַארְף מַאכִין אַחַטָּאת (לְשֵׁם חַטָּאת) צוּא דֶעם נָאמֶען חַטָּאת. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט (מוֹעֲלִין בָּהּ) אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִיר דַארְף עֶר בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבַּן מְעִילָה. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט (אֵין מוֹעֲלִין בָּהּ) אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִיר דַארְף עֶר נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין קָרְבַּן מְעִילָה (אָמַר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר) הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גִיזָאגְט (מָה אִם חַטָּאת שֶׁאֵין מוֹעֲלִין בָּהּ לִשְׁמָהּ) אַזוֹי וויא אַטוֹיבּ וָואס אִיז אַחַטָּאת. אוֹיבּ עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט צוּם נָאמֶען חַטָּאת. אוּנ אֵיינֶער הָאט פוּן אִיר הֲנָאָה גִיהַאט. דַארְף עֶר נִיט בְּרֵיינְגֶען קֵיין קָרְבַּן מְעִילָה. ווייל דֶער חַטָּאת אִיז כָּשֵׁר. פוּן דֶעסְטְווֶעגִין (כְּשֶׁשִּׁינָּה אֶת שְׁמָהּ) אוֹיבּ עֶר הָאט גִיעֶנְדֶערְט אִיר נָאמֶען. עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט צוּם נָאמֶען עוֹלָה. אוּנ אֵיינֶער הָאט פוּן אִיר הֲנָאָה גִיהַאט (מוֹעֲלִין בָּהּ) דַארְף מֶען בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבַּן מְעִילָה. ווייל זִיא אִיז פָּסוּל (עוֹלָה שֶׁמּוֹעֲלִין בָּהּ לִשְׁמָהּ) אוֹיבּ עֶר הָאט גִימַאכְט אַעוֹלָה צוּא אִיר נָאמֶען. וָואס מֶען טָאר נִיט הֲנָאָה הָאבִּין פוּן אִיר. אוּנ אַז מֶען הָאט הֲנָאָה מוּז מֶען בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבַּן מְעִילָה (כְּשֶׁשִּׁינָּה אֶת שְׁמָהּ) אַז מֶען הָאט גִיעֶנְדֶערְט דֶעם נָאמֶען פוּן דִיא עוֹלָה. מֶען הָאט אִיר גִימַאכְט אוֹיף דֶעם נָאמֶען חַטָּאת (אֵינוֹ דִין שֶׁיִּמְעֲלוּ בָּהּ) אִיז דֶען נִיט גֶעווִיס אַז דֶער דִין דַארְף זַיין מֶען זָאל נִיט טָארִין הֲנָאָה הָאבִּין פוּן אִיר. אוּנ אַז מֶען וֶועט הֲנָאָה הָאבִּין זָאל מֶען בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבַּן מְעִילָה (אָמַר לֵיהּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ) הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיזָאגְט צוּא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (לֹא) נֵיין. עֶס אִיז נִיט אַזוֹי (אִם בְּחַטָּאת שֶׁשִּׁינָּה אֶת שְׁמָהּ לְשֵׁם עוֹלָה) אוֹיבּ מֶען זָאגְט בַּייא אַחַטָּאת אַז מֶען הָאט גִיעֶנְדֶערְט דֶעם נָאמֶען חַטָּאת אוֹיף דֶעם נָאמֶען עוֹלָה. טָאר מֶען נִיט הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דִיא טוֹיבּ (שֶׁכֵּן שִׁינָּה אֶת שְׁמָהּ לְדָבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מְעִילָה) ווָארוּם עֶר הָאט דָאךְ גִיעֶנְדֶערְט דֶעם נָאמֶען אוֹיף אַזוֹי אַזַאךְ וָואס מֶען טָאר נִיט הֲנָאָה הָאבִּין (תֹּאמַר בְּעוֹלָה שֶׁשִּׁינָּה אֶת שְׁמָהּ לְשֵׁם חַטָּאת) ווִילְסְטוּ זָאגִין בַּייא אַעוֹלָה וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְדֶערְט אִיר נָאמֶען אוֹיף דֶעם נָאמֶען חַטָּאת. זָאל מֶען אוֹיךְ נִיט טָארִין הֲנָאָה הָאבִּין. פַאר וָואס. (שֶׁכֵּן שִׁינָּה אֶת שְׁמָהּ לְדָבָר שֶׁאֵין בּוֹ

**מעילה. א"ל רבי אליעזר. והרי קדשי קדשים ששחטן בדרום. ושחטן לשם קדשים קלים יוכיחו. שכן שינה את שמן לדבר שאין בו מעילה ומועלין בהן. אף אתה אל תתמה על העולה. שאע"פ ששינה את שמה לדבר שאין בו מעילה. שימעלו בה. אמר לו רבי יהושע לא. אם אמרת בקדשי קדשים ששחטן בדרום ושחטן לשם קדשים קלים. שכן שינה את שמן בדבר שיש בו איסור והיתר. תאמר בעולה ששינה את שמה בדבר שכולו היתר: ה מלק בשמאל. או בלילה. שחט**

גופיה לא פליג עליה: לדבר שיש בו מעילה. לשם עולה: ששחטן בדרום. לשם שלמים יוכיחו. ששינה שמן ומעבירן לדבר שאין בו מעילה שבקדשים קלים אין מעילה אלא באימוריהן: ומועלין בהן. מפני שנפסלו בשינוי מקומן ולא הוציאתן זריקתן מידי מעילה: איסור והיתר. קדשים קלים יש באימוריהן משום מעילה ואין בבשרן משום מעילה: בדבר שכלו היתר. בחטאת העוף שאין בו כל מעילה. והלכה כרבי יהושע: ה מלק בשמאל. דמליקתו פסולה. שכל

---

מעילה) ער האט דאך געענדערט איר נאמען אויף אזוי אזאך אז מען הט פון איר הנאה דארף מען ניט ברייגגען אקרבן מעילה (אמר ליה רבי אליעזר) האט רבי אליעזר געזאגט צוא רבי יהושע (והרי קדשי קדשים ששחטן בדרום) אויב מען האט געשאכטן קדשי קדשים (אעולה) אין דרום זייט פון מזבח (ושחטן לשם קדשים קלים) אונ מען האט זייא געשאכטן אויף דעם נאמען פון גרינגע קדשים (שלמים) פון אעולה טאר מען ניט הנאה האבן. אונ פון שלמים מעג מען הנאה האבן. אונ ער האט געענדערט דעם נאמען עולה אויף דעם נאמען שלמים (יוכיחו) דאס וועט דיר ווייזן דעם דין (שכן שינה את שמן לדבר שאין בו מעילה) ער האט דאך געענדערט דעם נאמען עולה אויף אזוי אזאך וואס מען מעג הנאה האבן פון איר. פון דעסטוועגן איז דער דין (ומועלין בהן) מען טאר ניט הנאה האבן פון דיא עולה (אף אתה אל תתמה על העולה) זאלסטו דיך ניט וואנדערן אויף דעם וואס איך זאג אויף דיא עולה וואס מען האט געענדערט איר נאמען אויף דעם נאמען חטאת (שאף על פי ששינה את שמה לדבר שאין בו מעילה) אפילו ער האט געענדערט דעם נאמען עולה אויף דעם נאמען (חטאת) וואס פון אחטאת מעג מען הנאה האבן. פון דעסטוועגן דארף זיין דער דין (שימעלו בה) אז פון דיא עולה זאל מען ניט טארין הנאה האבן (אמר לו רבי יהושע) האט רבי יהושע געזאגט צוא רבי אליעזר (לא) ניין. עס איז ניט גלייך איין דין צום אנדערין (אם אמרת בקדשי קדשים ששחטן בדרום ושחטן לשם קדשים קלים) אויב דוא זאגסט בייא קדשי קדשים (אעולה) וואס ער האט איר געשאכטן אין דרום זייט פון מזבח אויף דעם נאמען פון גרינגע קדשים (שלמים). טאר מען ניט הנאה האבן פון דיא עולה (שכן שינה את שמן בדבר שיש בו איסור והיתר) ווייל ער האט געענדערט דעם נאמען פון דיא עולה. אויף אזוי אזאך וואס מען טאר ניט פון איר הנאה האבן. אונ מען מעג פון איר הנאה האבן. פון דיא פלייש פון שלמים מעג מען הנאה האבן. אונ פון דיא חלב פון שלמים טאר מען ניט הנאה האבן (תאמר בעולה ששינה את שמה בדבר שכולו היתר) וויא אזוי ווילסטו זאגין מען זאל ניט טארין הנאה האבן פון די טויב וואס איז אעולה וואס ער האט געענדערט איר נאמען אויף אחטאת. וואס פון אטויב וואס איז אחטאת מעג מען הנאה האבן: ה (מלק בשמאל) אויב ער האט מולק געוועזן מיט דיא לינקע האנט (או בלילה) אדער ער האט מולק געוועזן מיט דיא רעכטע האנט. נאר בייא נאכט (שחט חולין בפנים) אדער ער האט געשאכטן אטויב וואס איז ניט אקרבן אין דיא עזרה (וקדשים בחוץ

חולין בפנים וקדשים בחוץ. אינן מטמאין בבית הבליעה. מלק בסכין. מלק חולין בפנים וקדשים בחוץ. תורין שלא הגיע זמנן. ובני יונה שעבר זמנן. שיבש גפה ושנסמי' עינה. ושנקטעה רגלה מטמא בבי' הבליעה. זה הכלל כל שהיה פסולה בקדש אינה מטמאה בבית הבליעה. לא היה פסולה בקדש מטמאה בבית

מקום שנאמר אצבע וכהונה אינו אלא של ימין: או בלילה. דאין מליקה בלילה דרחמנא אמר ביום צותו: אינן מטמאין. שאיל ופסולן בקדש והאי מליקה דידהו כאם עלו לא ירדו: שחט חולין בפנים וקדשים בחוץ אין מטמאין בבית הבליעה. ואע"פ שאסורים באכילה: מלק בסכין. לאו מליקה היא ואינו כשוחט ש"א. דהא מליקה בצפורן היא בעצמו של כהן: מלק חולין בפנים. דלא שייך מליקה בחולין אלא בקדשים בפנים והמולק חולין בכ"מ או קדשים בחוץ הוי כאילו נוחר או מעקר ואין אותה מליקה מוציאה מידי נבילה: תורין שלא הגיע זמנן. תורים גדולים כשרים

קטנים פסולים. בני יונה קטנים כשרים גדולים פסולים: ושיבש גפה. דמחוסר אבר פסול אף בעופות דהא דקי"ל אין תמות וזכרות בעופות ה"מ כגון דוקין שבעין שאין מומן ניכר אבל מחוסר אבר הקריבהו נא לפחתך: מטמא בבית הבליעה. דלא מסני מליקה דידהו למידי שאפילו עלו ירדו: כל שאין פסולו בקודש. שנפסלו קודם שבאו לעזרה וכל שאין פסולו בקדש אמרינן לקמן בפרק המזבח מקדש דהא עולה ירד אבל אותן שפסולן בקדש כגון שקדשים שראויין אלא שנפסלו בעבודותיהן אין מטמאין דהא אכני לאו מליקה דהא עלו לא ירדו: רי

הפסולים

---

אדער ער האט געשאכטין אטויב וואס איז אקרבן אויסער דיא עזרה (אינן מטמאין בבית הבליעה) אויב איינער האט זיא געגעסין אונ אראפ געשלונגען. ווערט ער ניט טמא (מלק בסכין) אויב ער האט אראפ גיהאקט דיא קאפ פון דיא טויב מיט א מעסער. ניט געשאבטין נאר אראפ גיהאקט (מלק חולין בפנים) אדער ער האט אפ גיהאקט מיט דעם נאגיל דיא קאפ פון אטויב וואס איז ניט אקרבן. אין דיא עזרה (וקדשים בחוץ) אדער ער האט אפ גיהאקט מיט דעם נאגיל דיא קאפ פון אטויב וואס איז אקרבן. אויסער דיא עזרה (תורין שלא הגיע זמנן) אדער ער האט אפ גיהאקט מיט דעם נאגיל דיא קאפ פון אנאלטע טויב וואס איז אקרבן אונ אין דיא עזרה. נאר דיא טויב איז נאך קליין. זיא האט נאך ניט קיין גאלדפארביגע פעדערין (ובני יונה שעבר זמנן) אדער ער האט אפ גיהאקט מיט דעם נאגיל דיא קאפ פון איונגע טויב וואס איז אקרבן אונ אין דיא עזרה. נאר דיא טויב איז שוין גרעסער. דיא פעדערין איהרע הייבין שוין אן צוא ווערין גאלד פארבינ (שיבש גפה) אדער ער האט אפ גיהאקט מיט דעם נאגיל דיא קאפ פון אטויב וואס איז אקרבן אונ אין די עזרה. נאר איר פליגעל איז פארטריקנט גיווארין (ושנסמית עינה) אדער אאויג איז איר בלינד גיווארין (ושנקטעה רגלה) אדער אפוס איז איר אפ גיהאקט גיווארין (מטמא בבית הבליעה) אויב איינער האט זיא געגעסין אונ אראפ געשלונגען. ווערט ער טמא (זה הכלל) דאס איז דער כלל פון דעם דין (כל שהיה פסולה בקדש) דיא טויב וואס איז פסול גיווארין אין דיא עזרה (אינה מטמאה בבית הבליעה) אויב איינער האט איר גיגעסין אונ אראפ גישלונגען. ווערט ער ניט טמא (לא היה פסולה בקדש) אויב דיא טויב איז ניט פסול גיווארין אין דיא עזרה. נאר זיא איז גיוועזן פסול איידער זיא איז אריין גיקומען אין דיא עזרה (מטמאה בבית הבליעה) אויב איינער האט איר גינעסין אונ אראפ

גשלונגען

הפסולים. כגון זר ואונן וטבול יום ומחוסר כפורים וכן אותן השנוין בפ"ב: ואינן מטמאין בבית הבליעה. שאע"פ שאין מליקתן מתרת קדשים באכילה. מ"מ מוליאתן מידי נבלה: ן אינה מטמאה בבית הבליעה. דמליקתה מעסרתה מידי נבלה: ר"י אומר מטמאה בבית הבליעה. דס"ל לר"י דלא הסני שחיטה בעוף של חולין ולא מליקה בקדשים בטרפה בעוף להוליאה מידי נבלה: אינו דין שתהא שחיטתה כו'. וכיון דילפת ששחיטה מעהרת את הטרפה בעוף בחולין מק"ו ילפי' מליקה קדשים מינה בבנין אב

הבליעה (וכל הפסולים שמלקו מליקתן פסולה ואינן מטמאות בבית הבליעה): ן מלק ונמצא טרפה ר"מ אומר אינה מטמאה בבית הבליעה. ר"י אומר מטמאה בבית הבליעה. אמר רבי מאיר מה אם נבלת בהמה שהיא מטמאה במגע ובמשא שחיטתה מטהרת את טרפתה מטומאתה. נבלת העוף שאינה מטמאה במגע ובמשא. אינו דין שתהא שחיטתה מטהרת את טרפתה מטומאתה. מה מצינו בשחיטתה שהיא מכשרתה באכילה ומטהרת את טרפתה מטומאתה. אף מליקתה שהיא מכשרתה באכילה. תטהר את טרפתה

גישלונגען. ווערט ער טמא (וכל הפסולין שמלקו מליקתן פסולה) אונ דיא מענטשין וואס טארין ניט מולק זיין אזוי וויא עס שטייט אין פרק ב משנה א אויב זייא האבין מולק גיוועזן איז דיא מליקה פסול (ואינן מטמאות בבית הבליעה) אונ אויב איינער האט גיגעסין דיא טויב אונ אראפ גישלונגען הערט ער ניט טמא: ו (מלק ונמצא טרפה) אויב ער האט מולק גיוועזן דיא טויב. דער נאך איז גיפונגען גיווארין אז זיא איז טרייף (מען האט גיפונגען אשפילקע אין פופעק. אדער איין אנדער טרפות. רבי מאיר זאגט (אינה מטמאה בבית הבליעה) אויב איינער האט איר גיגעסין אונ אראפ גישלונגען ווערט ער ניט טמא: רבי יהודה זאגט (מטמאה בבית הבליעה) מען ווערט טמא אז מען שלינגט אראפ דיא טויב (אמר רבי מאיר) האט רבי מאיר גיזאגט (מה אם נבלת בהמה שהיא מטמאה במגע ובמשא) מאדאך אנבלה פון אבהמה. ואויב אבהמה איז גיפייגערט וואס איר טומאה איז גרויס אז זיא איז מטמא דעם וואס רירט איר אן אונ דעם ווס טראגט איר אפילו ער רירט איר ניט אן. פון דעסטוועגין (שחיטתה מטהרת את טרפתה מטומאתה) אז מען שעכט איר אונ מען געפינט זיא איז טרייף. איז דיא שחיטה מטהר דיא טומאה (נבלת העוף שאינה מטמאה במגע ובמשא) אנבלה פון אעוף ואויב אעוף איז גיפייגערט. וואס איר טומאה איז גרינג זי איז ניט מטמא דעם ווס רירט איר אן אונ ניט דעם ווס טראגט איר. נאר דעם ווס שלינגט איר אראפ אין האלדז (אינו דין שתהא שחיטתה מטהרת את טריפתה מטומאתה) איז דען ניט געוויס אז דער דין דארף זיין אויב מען האט איר גישאכטין ועוף פון חולין ניט אקרבן אונ מען האט גיפונגען זיא איז טרייף. דארף דיא שחיטה איר מאכין טהור פון איר טומאה (מה מצינו בשחיטתה שהיא מכשרתה באכי"ה ומטהרת את טרפתה מטומאתה) אונ אזוי וויא מיר געפינען בייא שחיטה וואס זיא מאכט כשר דיא פלייש צום עסין. אונ אויב דיא פלייש איז טרייף גיווארין. מאכט איר דיא שחיטה טהור פון איר טומאה (אף מליקתה שהיא מכשרתה באכילה) אזוי דיא מליקה בייא אטויב וואס איז אחטאת וואס זיא מאכט כשר דיא פלייש צום עסין (תטהר את טרפתה מטומאתה) דארף אויך זיין דער דין אויב דיא טויב איז טרייף גיווארין. זאל דיא מליקה איר טהור מאכין פון איר טומאה.

מה מניעו בבח"עה בו' אף מליקה המכשרת באכילה תעשר טרפתה מטומאתה: ר"א דיה בו' . כיון דלא אשכחן בנבילת העופות מולאה מידי נבלה בשוף אלא מק"ו מנבלת בהמה אתה בא ללמוד. דיה שתהא כנבלת בהמה שפחיטתה מטהרתה מידי נבלה ולא מליקתה דדיו לבא מן הדין להיות כנדון . וג' מחלוקת בדבר ר"מ סבר אחד שחיטה ואחד מליקה מוליאה בשוף מידי נבלה ור' יהודה סבר בין שחיטה בין מליקה לא מהני בטרפה בשוף להוליאה מידי נבלה . ור' יוסי סבר בה"מ מהניא מליקה לא מהניא והלכה כרבי יוסי :

טרפתה מטומאתה. רבי יוסי אומר דיה כנבלת בהמה. שחיטתה מטהרתה אבל לא מליקתה:

פ"ח **כל** הזבחים שנתערבו בחטאות המתות או בשור הנסקל אפילו אחד ברבוא. ימותו כלם. נתערבו בשור שנעבדה בו עבירה. או שהמית את האדם. ע"פ עד אחד. או

פרק ח **כל** הזבחים שנתערבו בחטאות המתות. ה"ק כל הזבחים שנתערבו בהם חטאות המתות או שור הנסקל אפילו אחד ברבוא ימותו כולן דכיון דנתערבו באיסורי הנאה אין תקנה לפדותם דכי מאי ירעו עד שיסתאבו ולא בעלי ברובה דבעלי חיים חשיבי ולא בטלי. וחטאות המתות הן חמשה ואלו הן ולד חטאת ותמורת חטאת וחטאת שמתו בעליה ושכפרו בעלים באחרת ושעברה שנתה אלו המש חטאות מניחין אותן במקום סגור עד שימותו מאליהן. והן נקראים חטאות המתות : בשור שנעבדה בו עבירה. שהוא נפסל גם להקרבה כגון שהמית את האדם ע"פ עד אחד שאינו אסור להדיוט לפי שאינו נסקל אלא ע"פ שני עדים: או ע"פ הבעלים. שבאו בעלים לב"ד והודו שהמית דלאפטר ליה מקנסא דמודה בקנס פטור אבל לגבוה נאסר דקי"ל מן הנולית

---

רבי יוסי זאגט וייל אעוף לערנט מען אפ פון אבהמה . (דיה כנבלת בהמה) איז גינוג א אעוף וועט זיין אין גאנצין גלייך וויא אבהמה (שחיטתה מטהרתה) אויב מען שעכט אעוף וואס איז הולין ניט אקרבן אונ זיא ווערט טרייף איז זיא טהור (אבל לא מליקתה) אבער אז מען איז מולק אעוף אונ זיא ווערט טרייף איז דיא מליקה איר ניט מטהר :

פרק ח א (כל הזבחים שנתערבו בחטאות המתות) אלע קרבנות וואס אין זייא איז אריין געמישט גיווארין אחטאת וואס מען דארף אים הרגנן (ועיין בהרע"ב) (או בשור הנסקל) אדער עס איז אריין געמישט גיווארין אאקס וואס מען דארף אים הרגנן מיט שטיינער (אפילו אחד ברבוא) אפילו דער חטאת אדער דער שור הנסקל איז גאר א יונער אונ ער איז אריין געמישט גיווארין צווישען צעהן טויזענד קרבנות . פון דעסטוועגן (ימותו כולם) זאל מען הרגנן אלע קרבנות. אונ מען קען ניט זאגין מען זאל זייא פיטערן ביז זייא וועלין בעקומען אפעלער. אונ מען וועט זייא פאר קויפן . וייל דער חטאת וואס מען דארף אים הרגנן אונ דער שור הנסקל . פון זייא טאר מען ניט הנאה האבען קיין מענטש אויך ניט . אונ מען ווייס דאך ניט וועלכער איז דער חטאת אדער דער שור הנסקל . דריבער מוז מען אלע הרגנן (נתערבו בשור שנעבדה בו עבירה) אבער אז עס איז אריין געמישט גיווארען אין קרבן צווישען אזעלכע בהמות וואס מיט זייא איז גיטאהן גיווארין אעבירה וואס איז גיוועזען דיא עבירה (או שהמית את האדם) אדער ער האט גיהרגט אמענטש (על פי עד אחד) דורך איין עדות . איין עדות זאגט ער האט גיזעהן וויא דער אקס האט גיהרגט

או ע"פ הבעלים. ברובע ובנרבע. ובמוקצה ובנעבד. ובאתנן. ובמחיר. ובכלאים. ובטרפה. וביוצא דופן. ירעו עד שיסתאבו וימכרו. ויביא בדמי היפה שבהן. מאותו המין. נתערב בחולין תמימים ימכרו החולין

להמית את הנוגח: ברובע ונרבע. ע"פ עד אחד או ע"פ הבעלים או קודם שנגמר דינו או שהי' אותו שהמית והרובע והנרבע [של] עו"ג שנאסר לגבוה ולא להדיוט: מוקצה. שהפרישוהו לקרבן לעו"ג ונעבד כמו שהיקן מותרים להדיוט: באתנן ומחיר. כל הני חולין נינהו וחבת א' אסור' בהן כולן ירעו שא"א לפדות א' מהם בלא מום שמא זהו הזבח והשוחט קדשים בחוץ חייב כרת ולמכרן לצרכי עולות א"א שהרי פסולים: ויביא בדמי היפה שבהן מאותו המין אם חטאת חטאת ואם עולה עולה. ויקח מעות כשיעור דמי היפה שבכלן ויאמר כ"מ שהוא הזבח יהא מחולל על המעות הללו: נתערב. זבח א' בחולין בהרים הרבה: ימכרו החולין. כולן לצרכי אותו המין. שהיה הזבח שנתערב בהן ונמצאו כולן קדשי' ממין א' אלא שאין ידוע מי בעליו של כל אחד ואחד שהרי הזבח שהלכו שם בעליו עליו ואין ידוע איזהו. ותקנתו שיקריב כל אחד לשם מי שהוא ויאמר

גיהרגת אמענטשין (או על פי הבעלים) אדער עדות איז גאר ניטא. גאר דער בעל הבית פון דעם עקס ער אליין זאגט מיין אקס האט גיהרגת אמענטשין (ברובע) אדער איין עדות זאגט דער אקס האט מזנה גיוועז מיט אאשה אנקבה (ובנרבע) אדער ער זאגט אמענטש אזכר האט מזנה גיוועז מיט אבהמה אנקבה (ובמוקצה) אדער ער זאגט מען האט דעם אקס אפ גישיידט מען זאל אים מקריב זיין אקרבן צוא דיא עבודת גלולים (ובנעבד) אדער ער זאגט מען האט גימאכט דעם אקס פאר עבודת גלולים אונ מען האט געדינט צוא אים (באתנן) דער אקס איז גיגעבין גיווארין אמתנה צוא אזונה (ובמחיר) דער אקס איז גיטאוישט גיווארין אויף אהונט (ובכלאים) דער אקס איז גיבאהרין גיווארין פון צווייא מינים בהמות (ובטרפה) דער אקס איז קראנק ער וועט ניט לעבין (וביוצא דופן) דער אקס איז ניט גיבאהרין גיווארין נאר מען האט אויף געשניטען דיא מוטער דעם בויך אונ מען האט אים ארויס גינומען. אויב איין קרבן איז אריין געמישט גיווארען צווישען אזעלכע פיל בהמות וואס זענען פסול צוא אקרבן אבער צוא מענטשין זענען זייא כשר. אונ מען דער קענט אים ניט (ירעו עד שיסתאבו וימכרו) זאל מען זייא פיטערין ביז זייא וועלין בעקומען אפעלער. אונ מען זאל זייא פאר קויפין (ויביא בדמי היפה שבהן מאותו המין) אונ מען זאל נעמען דיא געלט פון דיא בעסטע בהמה פון זייא. אונ מען זאל פאר דיא געלט קויפען אזוי אקרבן וויא עס איז אריין געמישט גיווארין. אויב עס איז אריין געמישט גיווארין אחטאת זאל מען קויפען אחטאת. אונ אויב עס איז אריין געמישט גיווארין אעולה זאל מען קויפען אעולה ועיין תי"ט (נתערב בחולין תמימים) אויב אקרבן איז אריין געמישט גיווארין צווישן אנדערע בהמות וואס זענען ניט קרבנות. אונ זייא זענען גאנץ. זייא האבין ניט קיין פעלער (ימכרו החולין לצרכי אותו המין) זאל מען פאר קויפען דיא בהמות צוא דיא מענטשין וואס דארפין אזוי אקרבן וויא דער וואס איז אריין געמישט גיווארין. אויב עס איז אריין געמישט גיווארען אעולה. זאל מען פאר קויפען צוא דיא וואס דארפין עולות. אויב אחטאת זאל מען פאר קויפען צוא דיא וואס דארפין אחטאת. וועט מען אלע מקריב זיין פאר קרבנות. נאר אויף יעדער בהמה בזונדער איז אהפקר וועט איז איר בעל הבית. דריבער זאל ער זאגן איך בין מקריב דעם קרבן פאר זיין בעל הבית. ווער דער בעל הבית איז זאל דער

כשיקריב כל א' הרי הוא לשם בעלים שלו : ב מין במינו חטאת בחטאת עולה בעולה שלמים בשלמים אבל שם של בעלים הרבה : יקריב כל אחד לשם מי שהוא. ולא יזכיר שם אדם וה"מ בקרבנו' של נשים דלא בעו סמיכה. דכתיב בני ישראל וסמך. בנ"י סומכים ואין בנות ישראל סומכות. אבל בקרבן אנשים דבעו סמיכה לא. מין בשאינו מינו ירעו. שא"א בהקרבה שאוקין במתן

לצרכי איתו המין: **ב קדשים בקדשים מין במינו (זה) יק־ב לשם מי שהוא (וזה יק־ב לשם מי שהוא). קדשים בקדשים מין בשאינו מינו ירעו עד שיסתאבו וימכרו. ויביא בדמי היפה שבהם ממין זה. ובדמי היפה שבהן ממין זה. ויפסיד המותר מביתו. נתערבו בבכור ובמעשר. ירעו עד**

דמים או בשקערתן או באכילתן : ויפסיד המותר מביתו. שאם מכר אחד מהן בב' והאחר בא' צריך להביא מכל מין בב' כיון שאין ידוע מאיזה מין הוא אותו שנמכר בב' ונמצא מפסיד אחד מביתו: נתערבו בבכור ובמעשר. בתמים. שאין להם פדיון שתחול קדושתו על דמיהן ויצאו הן לחולין. אלא נאכלין במומן. שבכור נאכל לכהנים ומ"מעשר לבעלים : כולן ירעו עד שיסתאבו. שיפול

---

קרבן זיין פאר אים : ב (קדשים בקדשים) אויב עס איז צוא מישט געווארין א קרבן מיט א קרבן. רחל האט געבראכט א קרבן אונ לאה האט געבראכט א קרבן. אונ מען דער קענט ניט וועלכע בהמה געהער צוא רחל אונ וועלכע צוא לאה (מין במינו) אונ דיא קרבנות זענען איין מין. ביידע עולות. אדער ביידע חטאות. אדער ביידע שלמים (זה יקרב לשם מי שהוא וזה יקרב לשם מי שהוא) זאל מען פריער מקריב זיין איין בהמה. אונ דער כהן זאל טראכטין אויב דיא בהמה געהער צוא רחל זאל דער קרבן זיין פאר איר. אונ אויב דיא בהמה געהער צוא לאה זאל דער קרבן זיין פאר איר. דער נאך זאל מען מקריב זיין דיא אנדערע בהמה. אונ מען זאל אויך אזוי טראכטין. אויב יענער קרבן איז געוועזן פאר רחל זאל דער זיין פאר לאה. אונ אויב יענער קרבן איז געוועזן פאר לאה זאל דער קרבן זיין פאר רחל. דער דין איז נאר אויב דיא קרבנות געהערין צוא ווייבער וואס זיא דארפין ניט ארויף לייגין זייערע הענט אויף דיא קרבנות. אבער אז דיא קרבנות וואלטין געהערין צוא זכרים אונ זיא זענען צוא מישט געווארין קען מען זיא ניט מקריב זיין. ווייל יעדער דארף ארויף לייגין דיא הענט אויף דין קרבן פאר דער שחיטה (ועת"ט) (קדשים בקדשים מין בשאינו מינו) אבער אז צווייא קרבנות פון איין מענטש זענען צוא מישט געווארין. אונ זיא זענען ניט פון איין מין. עס איז צוא מישט געווארין א עולה מיט א חטאת. אונ מען וויים ניט וועלכע בהמה איז דיא עולה אונ וועלכע בהמה איז דער חטאת (ירעו עד שיסתאבו וימכרו) זאל מען זיא פיטערין ביז זיא וועלין בעקומען א פעלער אונ מען זאל זיא פאר קויפען (ויביא בדמי היפה שבהן ממין זה) אויב דיא צווייא בהמות זענען ניט גלייך ווערט געוועזן. נאר איינע איז ווערט געוועזן הונדערט גילדין א נ איינע איז ווערט געוועזן פופציג גילדין. זאל ער קויפען פאר דיא געלט פון דיא בעסערע בהמה ופאר דיא הונדערט גילדין) א עולה (ובדמי היפה שבהן ממין זה) אונ פאר דיא געלט פון דיא בעסערע בהמה ופאר די הונדערט גילדין) זאל ער קויפין א חטאת. ווייל מען וויים ניט דיא בעסערע בהמה וואס זיא איז געוועזן א עולה צוא א חטאת (ויפסיד המותר מביתו) אונ דיא איבעריגע פופציג גילדין זאל ער שאדין האבען פון זיין אייגענע געלט (נתערבו בבכור ובמעשר) אויב א עולה אדער שלמים זענען צוא מישט געווארין מיט א בכור אדער מיט מעשר (ירעו עד שיסתאבו) זאל מען זיא פיטערין ביז זיא וועלין בעקומען א פעלער. אונ מען זאל נעמען געלט אזוי פיל

שיסתאבו ויאכלו כבכור וכמעשר. הכל יכולין להתערב חוץ מן החטאת ומן האשם: ג אשם שנתערב בשלמים (ירעו עד שיסתאבו). ר"ש אומר שניהם ישחטו בצפון. ויאכלו כחמור שבהן. א"ל אין מביאין קדשים

שכן מום ויאמר כ"מ שהוא הזבח יתחלל על מעות שלנו. ומותרים לאכלן. ובלבד שיאכלו בתורת בכור ומעשר שלא ימכרו באטליז. ולא ישקלם בליטרא. ומדמי הזבח יקריב מיני של זבח: הכל יכולים להתערב. כלו' אם נתערבו יש ספק בתערובתן: חוץ מן החטאת עם האשם. שהחטאת אינה לעולם איל. והאשם אינו אלא איל. ואי אשם מצורע ואשם נזיר הוא שהן באים כבשים מ"מ הן זכרים. והחטאת אינה באה אלא נקבה אבל חטאת ועולה מתערבים כגון שעיר נשיא בשעיר עולה נדבה. וכ"ש חטאת ושלמים

שהכל קרב שלמים בין זכרים בין נקבות: וכן איל של עולת נדבה באשם: ג אשם שנתערב בשלמים. שמתן דמו של אשם ושלמים שוה: שניהם ישחטו בצפון. דשלמים שחיטתן בכ"מ. ויכולים נמי לשוחטן בצפון במקום ששוחטין האשם: כחמור שבהן. לפנים מן הקלעים ולזכרי כהונה ליום ולילה ולא כשלמים הקלים הנאכלים בכל העיר לכל אדם לב' ימים ולילה אחד. ובעל השלמים יצא ידי נדרו דהא שלמים לשמן הן קריבין שמקריב כל אחד לשם מי שהוא: אין מביאין קדשים לבית הפסול. שממעט את אכילה

---

ווייא דיא בעסטע בהמה פון זייא איז ווערט. אונ מען זאל אויס טוישען דיא בהמה אויף געלט. ווערט דיא בהמה חולין. אונ פאר דיא געלט זאל מען קויפען איין אנדער קרבן אונ אים מקריב זיין (ויאכלו כבכור וכמעשר) אונ דיא צוא מישטע בהמות זאל מען אלע עסין אזוי וויא מען עסט אבכור אונ במעשר בהמה. ווארום אבכור אונ מעשר בהמה אפילו זייא בעקומען אפעלער אונ מען טאר זיי ניט מקריב זיין. פון דעסטוועגן זענען זייא אין זייערע היילינקייט. מען טאר ניט פאר קויפין דיא פלייש אין אטאטקע. אונ מען טאר זייא ניט וועגן צום פאר קויפין. נאר מען פאר קויפט שטיקער אום גיוואגין. אונ אין שטוב צוא בעקאנטע מענטשין (הכל יכולין להתערב) אלע קרבנות קענען צוא מישט ווערין איין קרבן מיט דעם אנדערין. עס זאל זיין אספק (חוץ מן החטאת ומן האשם) נאר אחטאת מיט אאשם קענען ניט צוא מישט ווערין. ווארום אאשם איז נאר אאיל. אונ אחטאת איז ניט קיין איל. אונ אאשם איז אזכר. אונ אחטאת איז נאר אנקבה. אבער אחטאת מיט אעולה קענען צוא מישט ווערין. אונ אחטאת מיט שלמים קענען אויך צוא מישט ווערין. אונ אעולה מיט אאשם קענען אויך צוא מישט ווערין (ועיין ברע"ב): ג (אשם שנתערב בשלמים) אויב אאשם מיט שלמים זענען צוא מישט גיווארין (ירעו עד שיסתאבו) זאל מען זייא פיטערין ביז זייא וועלין בעקומען אפעלער. וועט מען זייא פאר קויפען אונ מען וועט פאר דיא געלט קויפין איין אנדער אשם אונ אנדערע שלמים. רבי שמעון זאגט (שניהם ישחטו בצפון) מען זאל ביידע דעם אשם מיט דיא שלמים שעכטין אין צפון זייט (ויאכלו כחמור שבהן) אונ מען זאל עסין דיא פלייש פון ביידע וויא דער קרבן וואס איז הייליגער וויא דער אשם. אין הויף פון בית המקדש. אונ נאר כהנים זכרים. אונ נאר איין טאג מיט אנאכט (אמרו ליה) האבין דיא חכמים גיזאגט צו רבי שמעון (אין מביאין קדשים לבית הפסול) מען טאר ניט ברייננען דער צו קדשים זאלין פסול ווערין. ווארום שלמים מעג מען עסין צוויא טאג מיט איין נאכט. אונ ניט נאר כהנים זכרים. נאר לוים אונ ישראלים זכרים אונ נקבות מעגין אויך עסין. אונ אז דוא זאגסט מען זאל

נאר

לבית הפסול. נתערבו חתיכות בחתיכות. קדשי קדשים בקדשים קלים. הנאכלין ליום אחד בנאכלים לשני ימים. יאכלו כחמור שבהן:

ד אברי חטאת שנתערבו באברי עולה. ר״א אומר יתן למעלן. ורואה אני את בשר החטאת מלמעלן כאילו הוא עצים. וחכ״א תעובר צורתן ויצא

שלמים בין בהוכליהן בין בזמן אכילתן ומביאן לידי נותר. אלא ירעו ויסתאבו וימכרו כדאמרינן גבי קדשים בקדשים מין במינו ויביא בדמי ה פה שבהן כו׳והין הל׳כל״ה:
חתיכות בחתיכות. אם נתע בו חתיכות קדשי קדשים בחתיכות של קדשים קלים. או חתיכה של קדשים קלים הנאכלים ליום אחד כגון שלמי תודה עם חתיכה של קדשים קלים הנאכלים לשני ימים ולילה א׳ דהיינו שאר שלמים. בהא מודו רבנן לר״ש דיאכלו כחמור שבהן דמאי אית ליה למעבד:
ד אברי חטאת. שבשרה נאכל לכהנים: שנתערבו באברי עולה. שכולה כליל: יתן למעלן. יתן אברי התערובות כלן על העצים וטעמא דר״א דה״ק (ויקרא ב) כי כל שאור

וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה׳ והכי משמעותא דקרא כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו. ולא תקטירו שממנו אשה לה׳ דהיינו שיירים של קרבן. קרבן ראשית תקריבו מן השאור והדבש לה׳. שתי לחם מן השאור ודבש מן הבכורי׳ מפרי העץ ששם תאנים ותמרים. ואל המזבח דפסיק ליה בין אשאור ודבש בין אשירים. לרית ניה״ח אי קתה מעלה אבל אתה מעל׳ לשם עצים. והיינו דקאמר ורואה אני את בשר חטאת כאילו הן עצים: וחכ״א תעובר צורתן. כלומר יניח אותן עד שיפסלו ויצאו לבית השריפה כשאר פסולי המוקדשים ואינו מעלה למזבח. דהא עבר משום כל שממנו לאישים הרי הוא בבל תקטירו. ותנאת דאימוריו קרבים לאישים.

נאר עסן דיא שלמים אזוי וויא אשם. איין טאג מיט איין נאכט אונ נאר כהנים זכרים. דאמער ווערט בלייבן פון דיא פלייש ביז דעם אנדערן טאג אין דער פריא. ווערין זייא שוין פסול ווערין. דריבער איז בעסער מען זאל ווארטין ביז זייא וועלין בעקומען אפעלער. אונ מען ווערט זייא פאר קויפען. אונ פאר דיא געלט וועט מען קויפען איין אנדער אשם אונ אנדערע שלמים (נתערבו חתיכות בחתיכות) אויב שטיקער קרבנות זענען צוא מישט געווארין (קדשי קדשים בקדשים קלים) שטיקער פון אחטאת אונ שטיקער פון שלמים זענין צוא מישט געווארין. מען דערקענט ניט וועלכע שטיק פלייש איז פון אחטאת אונ וועלכע איז פון שלמים (הנאכלין ליום אחד בנאכלים לשני ימים) שטיקער פלייש פון אקרבן וואס ער הערט געגעסין אטאג מיט אנאכט זענען צוא מישט געווארין מיט דיא שטיקער פלייש פון אקרבן וואס ער ווערט געגעסין צווייא טאג מיט אנאכט. אונ מען דערקענט ניט וועלכע שטיק זאל מען נאר עסין איין טאג. אונ וועלכע מעג מען עסין צווייא טאג (יאכלו כחמור שבהן) זאל מען עסין דיא פלייש פון ביידע וויא דער קרבן וואס איז היילינגער אזוי וויא דער חטאת. אדער נאר ביז איין טאג מיט איין נאכט: ד (אברי חטאת שנתערבו באברי עולה) דיא גלידער פון אחטאת וואס מען דארף זייא עסין זענען צוא מישט געווארין מיט דיא גלידער פון אעולה וואס מען דארף זייא פאר ברענגען. רבי אליעזר זאגט (יתן למעלן) ער זאל אלע גלידער לייגין אויף דעם פייער פון מזבח צום פאר ברענגען (ורואה אני את בשר החטאת מלמעלן כאילו הוא עצים) אונ דיא פלייש פון חטאת וואס ליגט הויבין אויף דעם מזבח זעהן מיר גלייך וויא דאס וואלט געוועזן האלץ (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (תעובר צורתן) מען זאל לאזין ליגען דיא צוא מישטע גלידער ביז מארגין וועלין זייא בייא נאכט פסול ווערין. דאס מיינט מען עס וועט אראפ גיין פון דיא פלייש דיא צורה פון

הרי הבשר בבל תקטירו והלכה כחכמים:
ה אברים באברי בעלי מומים. אברים כשרים. שנתערב בהן אבר אחד של בעלי מומין. ובא כהן שאינו יודע בתערובתן והקריב אחד מן הראשין. יקריבו כל הראשין לכתחילה. דתלינן איסורא בההוא דקרב. והכי כולהו כשרים נינהו ובגמ' מפרש דלא הוי ר"א אלא להקריבן שנים שנים. דודאי חד מהנך זוג דהיתר הוא ונתנה הקרבה זו ליקרב משום ההוא דהיתר ואי משום אמרינן קמא קמא בטיל

הואיל דספק איסור איכא למתלי' באותו שקרב תחלה קודם שנ' לך אבל אחד אחד שמא לא נתנה הקרבה זו ליקרב אפי' לר"א דלמא האי דאיסורא הוא: חוץ מא'. מזוג אחד הכי מפרש לה בגמ' דבחד גריד' מודה ר"א דלא נתנה הקרבה זו ליקרב כדאמרן:
ו אם יש בו מראה דם כשר. וה"מ כשנפלו המים לתוך דם של קדשים. אבל אם נפל דם של קדשים לתוך מים ואפילו יש בו מראה

**ה אברין באברי בעלי מומין. ר"א אומר אם קרב ראש אחד מהן יקרבו כל הראשין. כרעו של אחד מהן. יקרבו כל הכרעי'. וחכ"א אפי' קרבו כולם. חוץ מאחד מהן יצא לבית השרפה:**
**ו דם שנתערב במים אם יש בו מראה דם**

---

הייליגקייט (יֵצְאוּ לְבֵית הַשְּׂרֵפָה) ווערט מען זייא פאר ברענגען ווא מען פאר ברענט אלע פלייש וואס ווערין פסול. ניט אויף דעם מזבח: ה (אברין באברי בעלי מומין) אויב גלידער (שטיקער פלייש) פון אקרבן וואס האט אפעלער. וואס ער איז פסול. איז ארייין געמישט גיווארין אין אנדערע גלידער פון כשרה קרבנות (דהיינו אקאפ פון אקרבן וואס איז פסול איז ארייין געמישט גיווארין צווי. ען עטליכע קעפ כשרה. אדער אפוס פון אקרבן וואס איז פסול איז ארייין געמישט גיווארין צווישען עטליכע פיס כשרה). רבי אליעזר זאגט (אם קרב ראש אחד מהן) אויב אכהן וואס האט ניט גיוואסט פון דעם צוא מישונג האט גינומען איין קאפ אונ האט איר שוין מקריב גיוועזן אויף דעם מזבח (יקריב כל הראשין) מעג מען שוין מקריב זיין אלע קעפ. ווארום מיר זאגין דיא פסולה קאפ האט מען שוין מקריב גיוועזן אונ דיא קעפ וואס זענען געבליבען זענען דיא כשרה (כרעו של אחד מהן) אדער דער כהן וואס האט ניט גיוואסט האט מקריב גיוועזן איין פוס (יקרבו כל הכרעים) מעג מען שוין מקריב זיין אלע פיס. ווארום מיר זאגין דיא פסולה פוס האט מען שוין מקריב גיוועזן. אונ דיא פיס וואס זענען געבליבן זענין די כשרה. ואונ אז מען איז מקריב דיא קעפ אדער דיא פיס זאל מען זייא מקריב זיין צוא צווייא ווייז מיט איין מאהל. צווייא קעפ מיט איין מאהל. אדער צווייא פיס מיט איין מאהל. איז דאך איין קאפ אונ איין פוס געוויס כשר. צו זאמען מעג מען שוין מקריב זיין דעם אנדערין וואס ער איז אספק אויך. אבער איין קאפ אליין אדער איין פוס אליין טאר מען ניט מקריב זיין. טאמער איז דאס דער וואס איז פסול (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (אפילו קרבו כולם) אפילו מען האט שוין מקריב גיוועזן אלע קעפ אונ אלע פיס (חוץ מאחד מהן) נאר איין פאר (צווייא קעפ אדער צווייא פיס) זענין נאך געבליבען. טאר מען זייא ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח. נאר (יצא לבית השרפה) מען זאל זייא פאר ברענגען ווא מען פאר ברענט אלע פלייש וואס ווערין פסול: ו (דם שנתערב במים) אויב וואסער איז ארייין גיגאסין גיווארין אין בלוט פון אקרבן (אם יש בו מראה דם כשר) אויב דער קאלאר איז בלוט. מעג מען שפריצען אויף דעם מזבח ואבער אז דיא בלוט איז ארייין גיגאסין גיווארען אין וואסער. אפילו דער קאלאר איז בלוט. טאר מען אויך

דם פסול: נתערב ביין. שהוא אדום: חוץ לזמנו: ישפך לאמה. לאמת המים שעוברת בעזרה ויורדת לנחל קדרון ולא אמרי' רואין אותו כאילו הוא מים. ואם היה דם הכשר זה ניכר באותן המים כשר: בדם בהמה. רואים אותו כאילו הוא מים ואם דם הכשר של חולין. רואין אותו דם של חולין כאילו הוא מים. ואם היה מראה אדמומית של דם הכשר ניכר בהם כשר ואע"פ שהדם הפסול מרובה עליו הרבה: אין דם מבטל דם. דמין במינו לרבי יהודה לא בטיל

ניכר בהם יורק. דגזרינן דלמא אתי לאכשורי דם פסולים בעיניהו וכן דם התמצית דמדאורייתא דם התמצית לא חזי לכפרה כדכ' (ויקר' יז) כי נפש כל בשר בדמו הוא ואני נתתיו לכם על המזבח לכפר. דם

כשר. נתערב ביין רואין אותו כאלו הוא מים. נתערב בדם בהמה או בדם חיה רואין אותו כאלו הוא מים. ר' יהודה אומר אין דם מבטל דם:

ז נתערב בדם פסולים ישפך לאמה. ר' אליעזר בדם תמצית ישפך לאמה. ר' אליעזר

